**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/8/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט דאס עפענען לינקאלן צענטער'ס 550 מיליאן דאלערדיגע ׳דעיוויד געפען זאל׳**

***ניו יארק סטעיט פינאנצירונג פון 6.5 מיליאן דאלער שטיצט גרויסע פארברייטערונג פון פובליק שטח***

***נייע פובליק שטח פארצושטעלן בחינם׳דיגע קאמיוניטי-באזירטע פובליק פראגראמען***

***אויפדאסניי-פארגעשטעלטע זאל שטיצט אויפלעבונג פון ניו יארק סטעיט׳ס טוריזם אינדוסטריע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט, אינאיינעם מיט לינקאלן צענטער און ניו יארק פילהארמאניק ארקעסטער פירערשאפט, געמאלדן דאס עפענען ביי דעם לינקאלן צענטער פאר פארשטעלונגס-קונסט דעם נייעם 550 מיליאן דאלערדיגן ׳דעיוויד געפען האָלל׳. די נײַ-פארגעשטעלטע היים ארט פון דעם וועלט-בארימטן ניו יארק פילהארמאניק האט זיך געעפנט צוויי יאר בעפאר׳ן סקעדזשול מיט פארברייטערטע צוטריט צו פובליק שטח פאר דער קאמיוניטי. דער פראיעקט האט טראנספארמירט ׳דעיוויד געפען האָלל׳ אויף אן אנגעזעענע ארט וואס וועט ווייטער באגייסטערן ניו יארק סיטי אלס א לעבהאפטע דעסטינאציע פאר קולטור און קונסט.

״די טראנספארמאציע פון ׳דעיוויד געפען האָלל׳ איז א פערפעקטער צוגאב צו איינע פון ניו יארק׳ס פרעמיערע קאנצערט זאלן ביי דעם איקאנישן לינקאלן צענטער,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״אדאנק אונזער גוט-ארקעסטרירטע צוזאמארבעט, וועט דער פראיעקט אונטערהייבן ניו יארק׳ס קולטורעלע און עקאנאמישע לעבן מיט נאך דזשאבס, לעבהאפטע קאמיוניטי ארט, און א נייע און פארבעסערטע קאנצערט זאל צוויי יאר בעפאר׳ן סקעדזשול. אונזערע קונסט אינסטיטוציעס שפילן א גורל׳דיגע ראלע אלס עקאנאמישע טרייבער, קאמיוניטי צענטערס און קולטורעלע צענטער-פונקטן, און איך בין דערהייטערט איבער די מוזיק וואס ניו יארקער וועלן קענען דורכלעבן און הנאה האבן אין דער הערליכער נייער היים.״

׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ האט צוגעשטעלט 6.5 מיליאן דאלער צו שטיצן די טראנספארמאציע פון ׳דעיוויד געפען האָלל׳, אריינגערעכנט די רענאוואציע און פארברייטערונג פון אומגעפער 21,000 סק. פיס פון פובליק שטח אין און ארום דעם זאל, וואס איז אפן פאר׳ן פובליק אן דאס דארפן האבן א קאנצערט טיקעט.

- **דער אויפנאמע צענטער:** א 1,680 סק. פוסיגע ארט, וואס איז אויסגעריכטעט מיט סטאנציעס פאר׳ן זיך דערפרישן מיט לייכטע עסן און געטראנקען און פאר זיצן אויף צו באקומען טיקעטס און אינפארמאציע פאר אלע לינקאלן צענטער פראגראמען.

- **די לאָבי:** די ניי-פאַרברייטערטע לאָבי האט אינסטאלירט א גרויסע פארשטעלונג וואס וועט ווייזן א דיגיטאלע פלאטפארמע פאר גלייכצייטיג טראנסמיטירן קאנצערטן, קונסטווערק, דיגיטאלע מודעות, צווישן אנדערע ניצבארקייטן.

- **די סיידוואָק סטודיא:** א מולטי-צוועקיגע שטח אפן פאר׳ן פובליק פאר פארשטעלונגען, לעקציעס, קלאסן, פילם פארשטעלונגען, קאמיוניטי פראגראמען און נאך.

מיט ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ס׳ שטיצע האט לינקאלן צענטער זיך אונטערגענומען צו שאפן 114 נייע פול-צייטיגע דזשאבס, פון טיקעט-בודקעס ביז סטעידזש מאנשאפט און סעקיוריטי, ווי אויך איינצופירן א דיווערסיטעט און קונסט פעלאושיפ פראגראם וואס וועט געבן טרענירונג און מענטארשאפט פאר וויניגסטנס פינף איינגעשריבענע איבער א פינף-יעריגן צייט אפשניט. לינקאלן צענטער פארשפרעכט פארצושטעלן וויניגסטנס 45 טעג פון נייע אומזיסט פראגראמען יערליך פאר יעדעס יאר דורכאויס די ערשטע פינף יאר איבער אלע שטחים אינערהאלב דעם ׳דעיוויד געפען האָלל׳.

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ פרעזידענטקע, CEO און קאמיסיאנערין האופ נייט האט געזאגט,** ״עקאנאמישע אנטוויקלונג ארבעט ווי א סימפאניע, מיט יעדע שפילער שאפעריש אבער צוזאמארבעטנדיג צוגעבן זייער חלק. די ארבעט וואס מיר האבן געטון אין הארמאניע מיט אונזערע צוזאמארבעטער אויפ׳ן נייעם ׳דעיוויד געפען האָלל׳ שאפט די געוואונשענע קלאנגען פון צוגעלייגטע דזשאבס, טוריזם און געלעגנהייטן, דורך הערליך אויפדאסניי-אויסגעשטעלטע ערטער וואו מענטשן קענען שעצן די אייגנארטיגקייט פון לינקאלן צענטער און ניו יארק סיטי.״

די ניי-פארגעשטעלטע ׳דעיוויד געפען האָלל׳ ביי לינקאלן צענטער שטיצט גאווערנער האוקול׳ס באמיאונגען צו איבערבויען און אויפלעבן טוריזם נאך דער פאנדעמיע, וואס, אלס דער סטעיט׳ס דריט-גרעסטע אינדוסטריע איז העכסט-נייטיג צו די עקאנאמישע געזונט פון ניו יארק סיטי און ניו יארק סטעיט. מיט שטארקע רעקלאמירונג קאמפיינס און רעקארד-ברעכנדע טוריזם אינדוסטריע שטיצע פראגראמען אונטער׳ן גאווערנער׳ס פירערשאפט, טוט ניו יארק ווייטער פארזעצן צו ארויסצוהייבן דער שטאט און דעם סטעיט אלס ערשטראנקיגע דעסטינאציעס און אונטערצינדן עקאנאמישע בליאונג און דזשאב שאפונג.

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ וויצע פרעזידענט און עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון טוריזם ראס די. לעווי האט געזאגט,** ״לינקאלן צענטער איז אלעמאל געווען דער קרוין-בריליאנט פון ניו יארק טוריזם, און דער נייער ׳דעיוויד געפען האָלל׳ וועט מוטיגן נאך מער באזוכער צו פלאנירן א טריפ און עקספלארירן דער שטאט. אונזער טוריזם עקאנאמיעס זענען פאר ווייטער זיך איבערצובויען פון די שוידערליכע תוצאות פון דער פאנדעמיע, און כאטש מיר מאכן פארשריטן, זענען מיר נאכנישט צוריק צו אונזערע שטאפלען פון בעפאר דער פאנדעמיע. ׳איי לאָוו ניו יארק׳ קוקט ארויס באקאנט צו מאכן ׳דעיוויד געפען האָלל׳ פאר אן אלוועלטליכן אודיענץ אלס דער גרעסטער קונסט און קולטור דעסטינאציע וואס וועט צוציען באזוכער צו קומען און אנטיילנעמען פון אלס וואס איז באגייסטערנד אין ניו יאָרק סטעיט.״

**סטעיט סענאטאר ברעד הוילמען האט געזאגט,** ״דאס עפענען דעם לינקאלן צענטער׳ס ׳דעיוויד געפען האָלל׳ שטייט אלס עדות אויף ניו יארק׳ס ווידערשטאנד-פעאיגקייט נאך אן אלוועלטליכער פאנדעמיע און עקאנאמישע צעמישעניש. פארענדיגט צוויי יאר פריער ווי ערווארטעט, טוט די נייע היים ארט פאר׳ן איקאנישן ניו יארק פילהארמאניק שטיצן 600 מיליאן דאלער אין אנגייענדע עקאנאמישע אנטוויקלונג, ברענגען 6,000 נייע דזשאבס צו אונזער שטאט, און דינט אלס נייע האַט-ספּאַט פאר אונזער בליענדער קונסט קאמיוניטי. קאנגראטולאציעס צו לינקאלן צענטער CEO הענרי טימס, לינקאלן צענטער באורד פארזיצערין קאטערינע פארלי און די ניו יארק פילהארמאניק פרעזידענטקע און CEO דעבארע בארדע פאר׳ן זען דעם לעגענדארישן פראיעקטן ביז׳ן ווירקליכן אויספירן. בראוואו!״

**פרעזידענט און CEO פון לינקאלן צענטער הענרי טימס האט געזאגט,** "'דעיוויד געפען האָלל' איז פאר ניו יארק און פאר ניו יארקער — א ראיה אויף אונזער ווידערשטאנד-פעאיגקייט נאך א גאר שווערע תקופה. מיר זענען דאנקבאר פון טיפן הארצן צו גאווערנער האקול און ESD פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו דעם דאזיגן פראיעקט און ניו יארק׳ס קולטורעלע לאנדשאפט. ענדליך האט אונזער שטאט׳ס ארקעסטער א היים וואס פאסט זיך פאר איר אומגעהויערע טאלאנט און שאפערישקייט, דרייסטערהייט געבויט אין געוויסע פון די טונקלסטע צייטן אין די געשיכטע פון ניו יארק. צו די מיליאנען ניו יארקער וועלכע מיר האפן וועלן דא געפונען אינספיראציע, ברוכים הבאים!"

**דער ניו יארק פילהארמאניק ארקעסטער׳ס דעבארע בארדע, לינדע און מיטש הארט פרעזידענטקע און CEO, האט געזאגט,** "דער ניו יארק פילהארמאניק חשוב׳ע היסטאריע וועט אט זיך ארויסלאזן אויף נייעם קאפיטל מיט׳ן צוריק עפענען דעם 'דעיוויד געפען האָלל'. מיר קומען ארויס פון די טונקעלע טעג פון דער פאנדעמיע און פון דעם איבערבוי פראצעס א שטערקערער אינסטיטוציע, טראנספארמירט נישט בלויז דורך נייע ערטער נאר אויך דורך וואס מיר האבן זיך געלערנט פון א כסדר-ענדערנדע געשפרעך מיט אונזער קאמיוניטי. מיר זענען אנגעפילט מיט דאנקבארקייט צו אונזערע אלע צוזאמארבעטער, איבערהויפט 'עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט', וואס האט געהאלפן מעגליך מאכן די רייזע. יעצט איז צייט אנצוהייבן פונדאסניי."

###